# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** סטאוערט מינץ איז אויפגעוואקסן א פרייער איד אין די תש״כ יארן אין אמעריקע. סטאוערט׳ס איינציגסטע קשר מיט אידישקייט איז געווען זיין באבע אין זיידע וועלכע זענען געווען פרום. נעבעך סטאוערט׳ס טאטע האט אוועקגעגליטשט פון אידישן וועג נאך פאר סטאוערט איז געבוירן. אלס יונגעל פלעגט סטאוערט עסן די סעודה פרייטאג צו נאכטס ביי זיין באבע און זיידע, אבער מער ווי דעם ביסל אידישקייט האט ער נישט געהאט אין די יונגע יארן.

סטאוערט האט חתונה געהאט אבער ער האט נישט געהאלטן קיין תורה און מצוות. איין טאג אין תשמ״ז האט סטאוערט מחליט געווען צו פארן קיין ארץ ישראל אויף א וואקאציע מיט זיין משפחה. זיי זענען געפארן מיט א גרופע טוריסטען פון אמעריקע. די גרופע איז אנגעקומען קיין ירושלים שפעט דאנערשטאג נאכט. ערב שבת האבן זיי זיך אויסגערוט פון די לאנגע נסיעה.

שבת אינדערפרי זענען עטליכע מענטשן פון די טוריסטישע גרופע צוזאמענגעקומען אין דעם פאר–צימער פונעם האטעל, שמועסנדיג וועלכע פלעצער צו באזוכן אין ירושלים. אלע אידן פון די גרופע זענען געווען פרייע. ב״ה ירושלים איז איינע פון די שטעט אין ארץ ישראל וואו אלעס איז פארמאכט אין שבת. וועגן דעם, האבן די גרופע נישט געהאט וואס צו טון אין שבת. איינע פון די חברה האט געהאט אן אינטערעסאנטע עצה: ״לאמיר גיין צום שול!״

״דו ביסט משוגע?!? היינט איז נישט יום כיפור!״ (ליידער פאר רוב פרייע אידן, איז יום הקדוש די איינציגסטע טאג וואס זיי גיין אין שול.) סוף כל סוף, באין ברירה האבן די מענער פון דער גרופע מחליט געווען צו גיין אין שול, ווייל זיי האבן נישט געהאט עפעס אנדערש צו טון. פאר סטאוערט און די אנדערע פרייע אידן, איז עס געווען דאס ערשטע מאל וואס זיי זענען אריין אין אן עכטן שול אנגעפולט מיט פרומע אידן.

זיי זענען אריינגעקומען שטילערהייט אין שול כדי נישט צו שטערן די אידן וועלכע האבן געהאלטן אין מיט׳ן דאווענען שטילע שמונה עשרה פון שחרית. זיי זענען ארויפגעגאנגען צום ליידיגען ווייבער שול ווייל זיי האבן געוואלט אנקוקען די מתפללים. באלד דערנאך האט מען אנגעהויבן קריאת התורה. די פרייע חברה האט געקוקט פון אויבן מיט גרויסע אפענע אויגן, זעענדיק ווי אזוי מען ליינט אין די תורה.

סטאוערט איז מורא׳דיג נתפעל געווארן פון דער קריאת התורה. ער האט אנגעהויבן צו טראכטן... ״אויב איך וואלט געקענט צוריק גיין א טויזענט יאר פריער, בין איך זיכער אז איך וואלט געזען די זעלבע זאך וואס איך זע יעצט. די מענטשן האבן זיך נאר געטוישט, אבער עס איז די זעלבע תורה. דאס איז אפשר די סיבה פארוואס די אידן עגזעסטירן נאך אזוי וויל דורות...״ סטאוערט האט קיינמאל נישט געשפירט אזא התקשרות צום אידישקייט ווי יעצט. ווען ער איז צוריקגעפארן צו זיין היים אין קליוולאנד אין אמעריקע האט ער מחליט געווען צו ווערן מער אידיש.

דאס ערשטע זאך וואס סטאוערט האט געטון איז געווען צו שיקן זיינע קינדער צו א אידישע סקול. ליידער, צוליב זיין גרויסע עם הארצות, האט סטאוערט געשיקט זיינע קינדער צו לערנען אין א ״רעפארם״ סקול. סטאוערט איז אבער שנעל אנטוישט געווארן פון די רעפארם אידן, ווייל אלעס ביי זיי איז פרייעוויליג, ד״ה למשל אויב מען וויל היטן כשרות מעג מען, אויב מען וויל נישט, דארף מען נישט. אפילו סטאוערט אליינס איז נישט געווען פרום, האט די שיטה פון די רעפארם אידן נישט געהאט קיין פשט.

סטאוערט האט ארויסגענומען זיינע קינדער פון רעפארם סקול, און ער איז געגאנגען צו דעם קונסערוואטיוו. זיי זענען נישט געווען אסאך בעסער. למשל, זיי האבן געהאט א שחרית מנין אבער קיינער פון זיי האט געהיטן קיין שבת. וואס פאר א מין אידישקייט איז דאס? סטאוערט איז אויך נישט געווען צופרידן מיט די קונסערוואטיוו. אבער סטאוערט איז נאך אלס געבליבן פריי.

א שטיק צייט שפעטער איז ער געגאנגען צו א דינער פון די קונסערוואטיוו׳ן סקול. די דינער איז געווען אין א טריפה׳נע רעסטאראנט רח״ל. בשעת דעם דינער, האט א רוח תשובה אריינגעכאפט אין סטאוערט, ווייל ער האט געטראכט, ״וואס טון אידן מאכן א דינער אין אזא פלאץ?״ און ער האט מחליט געווען נישט צו עסן דעם טריפה׳ן פלייש! ווען מען האט געמאכט א גורל ביים דינער, האט סטאוערט עס געווינען. ער האט דאס אנגענומען פאר א גוטע סימן פון הימל צוליב זיין זיך צוריקהאלטן פון עסן דעם טריפה׳ן פלייש. דעם חיזוק וואס סטאוערט האט באקומען די נאכט האט אים געשטופט צו ווערן מער פרום.

באלד דערנאך האט סטאוערט אנגעהויבן צו גיין אין מיט׳ן די וואך אין א פרומע שול אין די געגענט פון קליוולאנד הייטס. צוביסלעך איז סטאוערט געווארן מער און מער ערליך. איין שבת האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל גייען שבת אין שול אויך. סטאוערט איז געווען פון די ערשטער צו קומען אין שול דעם שבת אינדערפרי, נאר דער רב, הרב ניסענבוים איז געווען אין שול. סטאוערט האט געפרעגט פון דעם רב וואו ער מעג זיצן. דער רב האט אים געענטפערט אז סטאוערט מעג זיצן וואו ער וויל.

סטאוערט האט גענומען א פלאץ אין מיטן דעם שול, און ער האט אנגעהויבן צו דאווענען. וויבאלד סטאוערט איז געווען א פרישע בעל תשובה, האט דער איד לעבן סטאוערט אים צוגעהאלפן ווייזן דעם פלאץ אין דעם סידור וכו׳. ביים ענדע פונעם דאווענען, האט סטאוערט באמערקט אז יעדע זיץ האט געהאט א נאמען אויף עס. סטאוערט האט געליינט די נאמען אויף זיין פלאץ און ער האט כמעט גע׳חלש׳ט: ״אהרן מינץ״ – דאס איז געווען זיין פרומער זיידע וואס איז נפטר געווארן 10–15 יאר פריער. סטאוערט האט עס געזען אלס נאך א סימן אז ער גייט אויפ׳ן ריכטיגען וועג.

צוביסלעך זענען סטאוערט און זיין משפחה געווארן מער און מער פרום. איין טאג האט סטאוערט פארציילט פאר זיין טאטן אז ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה מיט אידן פון דעם טעלזער ישיבה אין קליוולאנד. סטאוערט׳ס טאטע איז געווארן איבערראשט... ״דו האסט שייכות מיט טעלז?״ האט סטאוערט׳ס טאטע אים געפרעגט. ״דו ווייסט וואס?״ האט סטאוערט׳ס טאטע אנגעהויבן צו פארציילן מיט א לעבעדיקייט, ״מיין מאמע, דיין באבע האט געהאט שייכות מיט טעלז פאר איבער 50 יאר. אמאל האט זי אפילו מנדב געווען א ספר תורה!״ סטאוערט איז געווארן גאר אינטערעסירט צו הערן וועגן דעם ספר תורה וואס זיין פרומע באבע האט געבען אזוי סאך יארן פריער.

אויב מען רעדט שוין פון א הכנסת ספר תורה, לאמיר אביסל רעדן פון דעם ענין פון שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות התורה בפרט אונזערע הייליגע מרכז הכוללים ד׳שיכון סקווירא, בנשיאות של כ״ק מרן אדמו״ר עט״ר שליט״א. עס איז זעלבספארשטענליך, אבער עס קען נישט שאטן צו דערמיינען נאכאמאל: די כוללים זענען די ריקן ביין פון אונזערע קהילה. ווייל כ״ק מרן אדמו״ר הקוה״ט זצוקללה״ה האט געגרינדעט דעם שטעטל מיט דער כוונה צו מאכן א פלאץ פון קדושה און טהרה. און ווי אזוי קענען מיר זיך פירן ווי עס דארף צו זיין? נאר ווען אונזערע יונגעלייט, די טאטעס פון אונזערן משפחות זענען זיך מקדש מיט לימוד התורה. וועגן דעם איז יעדער איינער מחויב צו שטיצן דעם כולל וויפיל מען קען, ווייל אן דעם האט מען נישט קיין שטעטל, חס ושלום! איז לאמיר אויסליידיגן די קעשענעס פארן כולל.

עס איז שייך צו רעדן וועגן שטיצן דעם כולל די וואך, ווייל די וואכעדיגע סדרה רעדט פון קבלת התורה. עס איז נישט דא קיין מער וויכטיג צייט אין די היסטוריה פון כלל ישראל ווי קבלת התורה. אין אמת׳ן אריין, יעדן טאג האט מען די בחירה צו מקבל זיין דעם תורה אדער חלילה נישט. אויב מען לערנט וויפיל מען קען דורכ׳ן טאג, און מען שטיצט די מוסדות התורה, ווייזט מען אז מ׳וויל מקבל זיין דעם תורה...

...סטאוערט איז געזיצן הערן זיין טאטא פארציילן ווייטער, וועגן דעם ספר תורה וואס סטאוערט׳ס באבע האט מנדב געווען אסאך יארן פריער. ״דעמאלט,״ האט זיין טאטע אנגעהויבן צו פארציילן צו סטאוערט נאכאמאל, ״ווען דו ביסט געווען א פיצי בייבי, ביסטו נעבאך געווען שטארק נישט געזונט. וועגן דעם האט דיין באבע מסכים געווען צו געבן א ספר תורה צו א באוואוסטע בית מדרש בתנאי אז מען זאל מאכן א ״מי שברך״ פאר דיר אין שול. זייער פלאן איז ב״ה געלונגען. זי האט געגעבן דעם ספר תורה, און דו האסט געהאט ב״ה א רפואה שלימה!״

סטאוערט איז שפעטער געוואר געווארן אז דער רב פונעם שול וואו סטאוערט׳ס באבע האט געמאכט די הכנסת ספר תורה, איז יארן שפעטער געפארן קיין ארץ ישראל. דער רב האט מיטגענומען יענע ספר תורה פון סטאוערט׳ס באבע און ער האט מייסד געווען א שול אין ירושלים. די שול איז געווען די שול לעבן דעם האטעל וואו סטאוערט און זיין חברה זענען דעמאלט אריינגעגאנגען. עס קען זיין אז דער ספר תורה וואס האט אים מעורר געווען צו תשובה יענע שבת אינדערפרי אין ירושלים, איז געווען די זעלבע ספר תורה וואס זיין באבע האט געגעבן אזוי סאך יארן פריער. ווען מיר ליינען די ווערטער, שטייגן סטאוערט און זיינע משפחה העכער און העכער אין אידישקייט. אפילו סטאוערט׳ס טאטע איז אויך געווארן מער פרום.

מען זעט פון דער מעשה די כח פון שטיצן מוסדות התורה. אין דער זכות פון געבן דעם ספר תורה האט סטאוערט אלס בייבי זוכה געווען צו א רפואה שלימה, און מיר ווייסן נישט זעכער אבער עס קען זיין אז דער ספר תורה וואס זיין באבע האט געגעבן האט אים מחזיר בתשובה געווען. **גוט שבת אלע אידן.**


**רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל**

**רפואה שלימה לברכה בת שפרה נ״י בתוך שאר חולי ישראל**

*״ונשיא נשיאי הלוי אלעזר...״* מזל טוב למוה״ר זלמן גאלד הי״ו לרגל שמחת אירוסי בנו אלעזר הלוי נ״י בשעטומ״צ • *״מכנף הארץ זמרת שמענו צבי לצדיק...״* מזל טוב למוה״ר מאיר צבי ניישטאדט הי״ו לרגל שמחת נשואי בנו מוה״ר וועלוול הי״ו בשעטומ״צ • *״לבני יששכר תולדתם למשפחתם לבית אבתם...״* • מזל טוב למוה״ר יששכר דב גאלדמינצער הי״ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו אברהם דוד נ״י

*״שמעון ולוי...״* מזל טוב למוה״ר יוסף חיים אויסטערליץ הי״ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו שמעון הלוי נ״י • *״וישא יעקב רגליו...״* מזל טוב למוה״ר יודל שפיטצער הי״ו לרגל שמחת אירוסי בנו יצחק יעקב הי״ו בשעטומ״צ

לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל • רפואה שלימה לפערל בת אסתר,חיים שמואל צבי בן מלכה בתוך שאר חולי ישראל

<u>שתיקה יפה בשעת התפילה</u> *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234